בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ז

420

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


זינגען אָדער זָאגן זְמִירוֹת?............................... א


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


סֵדֶר הַנְּסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַּרְשַׁת וַיְחִי תשפ"ו............................... א

זָאלְסְט מֶער נִישְׁט בָּארְגְן קַיין פְּרוּטָה פוּן אַ צְוֵוייטְן............................... יד

דֶער שֵׁיינֶער הֶערְלִיכֶער סֵפֶר "קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל"............................... טו

זָאגְן תְּהִלִּים אוּן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת............................... טז

אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן זַיין בַּיים שִׁיעוּר............................... טז

מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סִיּוּם אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער............................... יז

דַיינֶע צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אִיז וִוי אַ צְוֵוייטְנְ'ס אַכְצְן פְּרָקִים............................... יח

אַרוֹיסְנֶעמֶען אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע פְּחָדִים............................... יח

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי עֶרְלִיכְקֵייט פוּן דַיין אַרְבֵּייטֶער............................... כ

קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן............................... כ

נָאכְאַמָאל אוֹיסְטֵיילְן דִי פָּאלְדֶער "אוֹצַר הַמִּכְתָּבִים"............................... כא

בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דַארְפְסְט נָאר דַאנְקֶען............................... כב

זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן אַן אוּמְבַּאקַאנְטֶע נוּמֶער............................... כג

רֶעדְן הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ, אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז מִיד אוּן הוּנְגֶערִיג............................... כד

אַנְטְלוֹיף פוּן דְרָאגְס, נֶעם דִי סַם הַחַיִּים............................... כד

קוּקְן פַּאדְקֶעסְטְס אִיז אַ שְׁטִילֶע פַּארְגִיפְטוּנְג.......................................כו

מִיטְגֵיין אוּן הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן.......................................כו

אַ מוֹהֵל אִיז נִישְׁט קֵיין כִּיבּוּד זַאךְ.......................................כז

מְלַמְדוּת אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ.......................................כט

אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג.......................................כט

פַּארְוָואס אִיז דָא מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן צַדִיקִים?.......................................ל

עֶי אַיי אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.......................................לא

מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט.......................................לב

אָנְגְרֵייטְן אוּנְזֶער פְּלַאץ אִין אוּמַאן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.......................................לג

מַזָל טוֹב צוּם נַייעֶם אִינְגֶל.......................................לג

דִי הַשְׁפָּעוֹת אִיז פַּארְקְנַאקְט? דוּ בִּיסְט פַּארְקְנַאקְט.......................................לד

אִינְטֶערְוְויוּס, פַּאדְקֶעסְט, טָאלְק-שָׁאוֹ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.......................................לה

אַנְטְלוֹיפְט פוּנֶעם מְגֻוָּל, ווִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פַייעֶר.......................................לו

זִיךְ אַלֵיינְס מְתַקֵן זַיין, נִישְׁט יֶענֶעם.......................................לו

פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּב, לִיבְּלִיכֶע ווֶערְטֶער.......................................לז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זִינְגֶען אָדֶער זָאגְן זְמִירוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי אִיךְ עֶס מְלַוֶּה מַלְכָּה גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת, זָאג אִיךְ אָפּ דִי זְמִירוֹת אָן אַ נִגּוּן, סְתַּם אִיךְ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי טוּ אִיךְ שׁוֹין יָארְן יָארְן זַייט מַיין חֲתֻנָּה.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז אֶפְשָׁר טוּ אִיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז זְמִירוֹת אִיז אַן עִקָּר אִין אִידִישְׁקֵייט, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס מֵיינְט מֶען מִיט אַ נִגּוּן, אָדֶער אִיז גֶענוּג סְתַּם צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת סַיי פוּן שַׁבָּת אוּן סַיי פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, וַוייל זְמִירוֹת אִיז אַן עִקָּר אִין אִידִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן יב): ״עִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת״, דֶער עִקָּר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ וִוי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת; אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער (שָׁם, סִימָן קד): ״הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת״, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ עֲבוֹדוֹת, ״שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם

הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים", פוּן פָּשׁוּטְ'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי וִוי דִי פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ. "וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן אָנְוָוארֶענֶען אַז מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, "וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים אוּן זִינְגֶען נִישְׁט קֵיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה אוּן אַנְדֶערֶע פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת. "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", וַוייל דֶער עִקָּר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קֵיין חָכְמוֹת - וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, "וְגַם הוּא בְּעַצְמוֹ קֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הַחוֹלַאַת הַכָּבֵד שֶׁנִּסְתַּלֵּק עַל יָדוֹ, קֹדֶם לָזֶה, כָּל יָמָיו הָיָה מְזַמֵּר זְמִירוֹת הַרְבֵּה בְּכָל שַׁבָּת וְשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִינְגֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ זְמִירוֹת יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ עֶסְן מְלַוֶה מַלְכָּה גְלַייךְ נָאךְ הַבְדָּלָה. נָאךְ הַבְדָּלָה אוּן נָאךְ וְיִתֶּן לְךָ זָאלְסְטוּ זִיךְ וַואשְׁן אוֹיף אַ כְּזַיִת חַלָּה אוּן זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת, וַוייל אַז מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט מֶען מִיד אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן אָן מְלַוֶה מַלְכָּה אוּן אָן זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**סֵדֶר הַנְּסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַּרְשַׁת וַיְחִי תשפ״ו**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ כַאפְּן פַאר אַפָּאר טֶעג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

מִיט מִיר אִיז מִיט גֶעקוּמֶען הָאַבְרֵךְ יַעֲקֹב שָׁאוּל נֵרוֹ יָאִיר, אוֹיךְ אִיז גֶעפָארְן דֶער גַבְּאַי פוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע מוֹסְדוֹת, ר׳ אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז גֶעפָארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אַ טָאג פָארְאוֹיס, אָנְצוּגְרֵייטְן דִי מְסִבָּה פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן זוּנְטָאג נַאכְט, מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ נָאךְ אָנְגֶעיָאגְט צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי בָּחוּרִים, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ב, מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר), אַז דִי בַּת קֵיסָר הָאט זִיךְ גֶענֵייט מַאנְצְבִּילְשֶׁע קְלֵיידֶער וְכוּ׳; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲלָה צוּ קֶענֶען זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ, אַ מַאן, נִישְׁט קֵיין מְקַבֵּל, אַ פְרוֹי; יֶעדֶע מָאל מֶען קוּמְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן זָאל מֶען נִישְׁט וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן אַנְדֶערֶע, נָאר זַיין אַ גֶעבֶּער, גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע תְּשׂוּמַת לֵב.

דִי טִיקֶעטְס הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט בַּיי אֶלִי׳ קְנָאלל נֵרוֹ יָאִיר, אוּן עֶר הָאט מִיךְ גֶעטְרָאגְן צוּם עֶירְפָּארְט. אִין עֶירְפָּארְט אִיז אַלֶעס אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם, אוֹיךְ דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמַאק. יַעֲנְקִי הָאט מִיט גֶעבְּרֶענְגְט קַאוֶוע

מִיט שָׁאקָאלַאד, אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען גֶעדַאוְוענְט שַׁחֲרִית, אוּן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען גֶעדַאוְוענְט מִנְחָה.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען מָאנְטָאג נַאכְט, מִיר זֶענֶען גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק צוּ דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן מוֹהַרְנַ"ת. שִׁמְעוֹן עוֹזֵר פֶּערְל הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט אוּן גֶענוּמֶען קַיין בְּנֵי בְּרַק, עֶר הָאט שׁוֹין חֲזָקָה אַלֶע יָארְן מִיךְ צוּ דְרֵייוְון. עֶר הָאט דָאךְ אַלֶעס אָנְגֶעהוֹיבְּן; בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּל, בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר, דִי סְקוּל, אוּן בִּיז הַיינְט אִיז בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ דִי בֵּית הַדְּפוּס. עֶר הָאט אַ קְלֶענֶערֶע דִירָה וִוי דִיר, אוּן בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ דְרוּקְט מֶען אַלֶעס, עֶס שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶע מַאשִׁין מִיט צֶענְדְלִיגֶע קֶעסְטְלֶעך פַּאפִּיר, אַזוֹי וִוי בַּיי רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ אַ דְפוּס, אוּן עֶר דְרוּקְט פַאר אַלֶע מְפִיצִים דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער גַבַּאי פוּן דִי מוֹסְדוֹת ר׳ אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר הָאט אַלֶעס צוּגֶעגְרֵייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן מוֹהַרְנַ"ת, דִי סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת אוּן נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן. אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט אַפָּאר שְׁאֵלוֹת, אֵיינֶע פוּן דִי שְׁאֵלוֹת אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען, אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט, מֶען שִׁיקְט שְׁאֵלוֹת - בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קֵיין עֶנְטְפֶער; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז אִין דִי וֶועלְט אִיז דִי שַׁיְיכוּת פוּן אַ תַּלְמִיד מִיט אַ רֶבִּי בְּעִקָּר אוֹיף טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן, אַנְדֶערְשׁ אִיז בַּיים רֶבִּי׳ן וָואס דֶער עִקָּר שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי׳ן אִיז אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וִוי מֶען קֶען זִיךְ נָאכְמַאכְן בַּאנַייעֶן, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק, אוּן אוֹיף דִי סָארְט פְרַאגֶעס דַארְף מֶען נִישְׁט קֵיין פֶּערְזֶענְלִיכֶע תְּשׁוּבוֹת, מֶען קֶען הֶערְן דִי תְּשׁוּבוֹת בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן בַּיים לֶערְנֶען דִי סְפָרִים; עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אוֹיסְהֶערְן דֶעם שְׁמוּעֶס, אַזוֹי וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען אַרֵיינְלֵייגְן אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִקָּר וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט תַּלְמִידִים, זֵיי מְחַזֵק זַיין זֵיי זָאלְן הֶערְן שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי קוּנְטְרֵסִים, אוּן אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִיךְ הֶער אַז עֶנְק הָאבְּן מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי שִׁיעוּר פוּן נָאכְמִיטָאג, דִי שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת,

דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִקָּר פוּן דִי יְשִׁיבָה; אַלֶע יָארְן אִיז גֶעוֶוען דֶער שִׁיעוּר דֶער עִקָּר פוּן דִי יְשִׁיבָה וָואס מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעוִויכְט אַז אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן הֶערְן דִי שִׁיעוּר, וַוייל נָאר מִיט חִיזוּק, נָאר מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - קֶען מֶען אָנְגֵיין, אִיז פַארְוָואס הָאבְּן עֶנְק מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי שִׁיעוּר? אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ שְׁטְרֶענג זִיךְ אָן צוּ גֶעבְּן דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג נָאר וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶנְק הַאלְטְן מִיט דִי שִׁיעוּר, אִיז פַארְוָואס הָאבְּן עֶנְק מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי שִׁיעוּר? דָאס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה נִישְׁט זוּנְטָאג אוּן נִישְׁט מָאנְטָאג. אֲפִילוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיצְט דֶער מַגִיד שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג מִיט אַלֶע בָּחוּרִים אוּן זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי שִׁיעוּר פוּן אַ טָאג צוּרִיק, אַלֶע זִיצְן, מֶען קֶען דֶערמָאלְט גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת גְמָרָא וְכוּ', אָבֶער אַלֶע מוּזְן זִיצְן אוּן הֶערְן דִי שִׁיעוּר, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דִי חִיזוּק.

נָאךְ דִי מְסִבָּה זֶענֶען אַלֶע אַרִיבֶּער גֶעבְּן שָׁלוֹם, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב. אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן נֶעכְטִיגְן אִין בְּנֵי בְּרַק אִין שְׁטוּבּ פוּן ר' יוֹאֵל לֶעווִי דֶער גַבְּאַי אִין בְּנֵי בְּרַק, עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַ נַאכְטְמָאל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ עֶסְן, אִיךְ עֶס נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֵייש נָאר שַׁבָּת, אָבֶער אַז מֶען קוּמְט צוּ אֵיינֶעם אִין שְׁטוּבּ אוּן יֶענֶער גְרֵייט אָן - אִיז רִיכְטִיג צוּ עֶסְן, וַויֵיזְן אַז מֶען הָאט הַנָאָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען קַאוֶוע, מִיר אִיז ווִיכְטִיג קַאוֶוע אַז בְּיוֹם הַתַּעֲנִית זָאל אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קָאפּ וֵויי. אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶערוּפְן, גֶערֶעדְט מִיט מַיין וַוייבּ, גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן גֶעבֶּעטְן ר' יוֹאֵל זָאל מִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פַארְן עֲלוֹת.

פִיר דְרַייסִיג פַארְטָאגְס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרוּנְקֶען קַאוֶוע אוּן גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת. אוֹיךְ ר' יוֹאֵל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, מִיר הָאבְּן אַבִּיסְל גֶעשְׁמוּעֶסְט ווִי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, מֹשֶׁה רֶעכְנִיצֶער הָאט אוּנְז גֶענוּמֶען מִיט זַיין קַאר צוּ דִי מִקְוֶה. עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פְרִי, זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל לֶערְנֶען אִין חֶדֶר, דָארְט זֶענֶען

גֶעקוּמֶען נָאךְ אַפָּאר מְלַמְדִים, אַבָּא חִיָּיא, מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט שֵׁיינֶע זַאכְן. לְכַתְּחִילָּה הָאט מֶען אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מֶען וֶועט מַאכְן דָארְט אַ מִנְיָן מִיט דִי מְלַמְדִים אֵיידֶער דִי קִינְדֶער קוּמֶען, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דָאס אִיז נִישְׁט לְכַתְּחִילָּה, צוּ מְטַלְטֵל זַיין אַ סֵפֶר תּוֹרָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן קלה, סְעִיף יד); זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין אַ שׁוּל נֶעבְּן דֶעם חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ דָארְט עוֹלֶה גֶעוֶוען לַתּוֹרָה אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט גוֹמֵל, ר׳ יוֹאֵל לֶעוִוי הָאט מִיר גֶעקוֹיפְט דִי עֲלִיָּה, נָאכְן דַאוֶוענֶען בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל.

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין חֵדֶר אִין בְּנֵי בְּרַק בַּיי אַלֶע דְרַיי כִּיתּוֹת, עֶרְשְׁט דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה פוּן ר׳ אַבָּא חִיָּיא רֵייזְמַאן, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזוּנְגֶען זֵייעֶר שֵׁיין דִי "וַאֲנִי - אוּן אִיךְ יַעֲקֹב", יֶעצְט אִיז ר׳ אַבָּא חִיָּיא פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ פַּארְהֶערְן דִי הוֹרָאָה, הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶער זוּן פוּן ר׳ יוֹאֵל לֶעוִוי, וָואלְוִוי, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער מְלַמֵד, אוֹיךְ אִיז דָארְט נָאכְמִיטָאג דֶער מְלַמֵד ר׳ חַיִּים יַאקָאבָּאוִויטְשׁ. דִי מִיטְלְסְטֶע כִּתָּה אִיז דֶער מְלַמֵד יוּדָא דָוִד לֶעוִוי דֶער זוּן פוּן ר׳ יוֹאֵל לֶעוִוי, זֵייעֶר אַ גוּטֶער מְלַמֵד, אוּן דִי דְרִיטֶע כִּתָּה אִיז דִי יוּנְגְסְטֶע כִּתָּה, דֶער מְלַמֵד אִיז ר׳ יִשְׂרָאֵל סוֹפֵר, זֵייעֶר אַ גוּטֶער מְלַמֵד.

בַּיי עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל אִיז שׁוֹין הַיינְט דָא אַלֶע כִּיתּוֹת, אָבֶּער דוּ גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר מִיט זִיבֶּעצְן יָאר צוּרִיק, תש״ע, מִיט דְרַיי כִּיתּוֹת. דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה, אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעצוֹיגְן אַסַאךְ יָארְן בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין הַיינְט אַלֶע כִּיתּוֹת. אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא וֵוייניג קִינְדֶער, לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער פוּן אַפָּאר יָאר אִינְאֵיינֶעם, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט זַיין גֶענוּג קִינְדֶער פַאר אַלֶע כִּיתּוֹת.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פָארְן פְּרִיוַואט מִיטְן מְנַהֵל יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים, אַזוֹי קֶענֶען מִיר רֶעדְן אַלֶעס פוּן דִי מוֹסָד, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל זַאכְן צוּ רֶעדְן מִיט מִיר, זַאכְן וָואס זַאמְלֶען זִיךְ אָן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר, אוּן טַאקֶע אַזוֹי, אִיךְ בִּין מִיט אִים גֶעפָארְן פְּרִיוַואט, אוּן אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל. מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר טַייעֶר, יֶעדֶער הָאט זַיינֶע מַעֲלוֹת פַאר דִי קִינְדֶער.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין סַיי ווִי אִין גָּלִיל, לָאמִיר זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן און צוּ רֶבִּי מֵאִיר מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר און פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים; מִיר הָאבְּן גֶעטוּישְׁט דִי פְּלַאן, מִיר הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז מִיר וֶועלְן גֵיין עֶרְשְׁט קַיין מִירוֹן און נָאכְדֶעם קַיין יַבְנְאֵל און טְבֶרְיָה.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי קִבְרֵי אָבוֹת, בַּיי מַיין זֵיידֶע בַּאבֶּע, אוֹיבְן אוֹיפְן בַּארְג אִין מִירוֹן לִיגְן זֵיי, הֶעכֶער דִי צִיוּן פוּן קֶבֶר הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט בַּיי רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר, און אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען בַּיי וְכוּ׳, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן. עֶרְשְׁט הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה, מֶען הָאט גֶעלֵיינְט. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל עוֹלֶה זַיין, און דֶער וָואס הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַן עֲלִיָּה, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי תְּפִלָּה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת פוּן "לְכוּ חֲזוּ", אִיךְ הָאבּ דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דְרַיי מָאל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי תְּפִלָּה ווִי מוֹהַרְנַ"תְּ דַאוֶונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן אַז דִי צַדִּיקִים זָאלְן זִיךְ ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן אוּנְז און אוּנְז נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן; אוֹי אִיז דָאס אַ ווִיכְטִיגֶע תְּפִלָּה, ווַייל מִיר קֶענֶען נִישְׁט אַלֵיין, מִיר דַארְפְן דִי צַדִּיקִים זָאלְן אוּנְז מְחַזֵּק זַיין און מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין טְבֶרְיָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן יַבְנְאֵל, טְבֶרְיָה און פוּן בְּנֵי בְּרַק. אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים און זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעצִינְדְן אַ לֶעכְט מִיט שֶׁמֶן זַיִת לִזְכוּת הַתַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין דִי בְּרִיוו אַז דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר יְשׁוּעוֹת, אִיךְ הָאבּ בַּאזוּנְדֶער גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶע תּוֹמְכִים וָואס הֶעלְפְן מִיר חוֹדֶשׁ׳לִיךְ מִיט גֶעבְּן צְדָקָה פַאר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, זֵיי נֶעמֶען אַרָאפּ פוּן מִיר דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט וָואס אִיךְ טְרָאג, דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קָאסְט חוֹדֶשׁ׳לִיךְ אַכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער; עֶס קוּמְט אַרַיין שְׂכַר לִימוּד בְּעֶרֶךְ צֶען פוּפְצְן טוֹיזְנְט און דִי אִיבְּרִיגֶע לִיגְט אוֹיף מִיר צוּ שַׁאפְן, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער

גַבְּאַי ר׳ אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קֶרֶן הַצָּלָה וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין חוֹדֶשׁ׳לִיךְ כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל עֶרְפִילְן אַלֶעמֶענְ׳ס בַּקָשׁוֹת.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב בַּיי רֶבִּי מֵאִיר און פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם שְׁטוּבּ פוּן ר׳ יוֹסְל סַאקְס דֶער גַבְּאַי און מְלַמֵד פוּן טְבֶרְיָה, עֶר הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט פֵיינֶע מְזוֹנוֹת מִיט פֵיינֶע קַאוֶוע, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, מֶען הָאט אַבִּיסְל גֶעשְׁמוּעֶסְט, און פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל, נָאר צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין צָפוֹן, אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָן גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי מוֹהֲרָא״שׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר מִיר, פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין אֶלְעַד צוּם שְׁטוּבּ פוּן נֹחַ לֶוִין, עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַ סְעוּדָה פַאר אַלֶע תּוֹמְכִים פוּן ׳קֶרֶן הַצָּלָה׳, דִי וָואס שְׁטִיצְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי מוֹסָד, דֶער גַבְּאַי ר׳ אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר מִיט דִי קֶרֶן, עֶר הָאט דָאס אָנְגֶעגְרֵייט.

עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַ סְעוּדָה, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זִיךְ וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט מַאכְן אַ סִיוּם וֶועט עֶס זַיין אַ סְעוּדַת מִצְוָה וֶועל אִיךְ זִיךְ וַואשְׁן. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גְלַייךְ גֶעמַאכְט סִיוּמִים אוֹיף בַּבְלִי און אוֹיף מִשְׁנָיוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, עֶס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן אִין דִי נַאכְט אַרַיין, מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דִי מַתָּנוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי חִינוּךְ בַּיי דִי קִינְדֶער און דִי שָׁלוֹם בַּיִת. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען מוּז זֶען עֶפֶּעס צוּ טוּן פַאר הֲפָצָה, מֶען זָאל מַאכְן חַבוּרוֹת אִין אַלֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ, צֶעטֵיילְן דִי שְׁטֶעט לוֹיט וִויפִיל שׁוּלְן עֶס אִיז דָא, און יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן און בָּחוּר זָאלְן נֶעמֶען כַּךְ וְכַךְ שׁוּלְן יֶעדְן שַׁבָּת צוּ לֵייגְן גִלְיוֹנוֹת, אָבֶּער דֶער גַבְּאַי ר׳ אַהֲרֹן הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מֵייק און גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַ טַעֲנָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט דִי מְסִבָּה פַאר הֲפָצָה, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי

מְסִבָּה פַאר הַחְזָקַת הַמּוֹסְדוֹת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל טוּישְׁן דִי שְׁמוּעֶס, מֶען זָאל רֶעדְן פוּן דִי מוֹסָד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶע טַאטֶע וָואס הָאט עֶפֶּעס צוּ דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל פוּן דִי מוֹסָד זָאל דֶערְצֵיילְן; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוִוישְׁט דִי טְרֶערְן, טַאטֶעס הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פוּן דִי רַחְמָנוּת מִיט וָואס דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי טִיטְשֶׁערְס גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, וִוי זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁלִינְגֶען יֶעדֶע מַעֲשֶׂה מִיט פַארְגֶענִיגְן.

אוֹיךְ הָאט זִיךְ אֵיינֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט פַארְיָאר אִין יְשִׁיבָה בַּיי ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל, אוּן דֶער בְּרוּדֶער אִיז לְמַעֲשֶׂה גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַז דָארְט בַּיי דִי אַרְבֶּעט אִיז דָא נָאךְ בָּחוּרִים עֶלְטֶער פוּן אִים וָואס רֶעדְן גֶעמֵיין, שְׁמוּצִיג, נִיבּוּל פֶּה, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם בְּרוּדֶער: "אִיךְ זָאג זֵיי אַז דָא קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אוּן אַלֶע פָאלְגְן", אוֹיךְ הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַז דֶער בְּרוּדֶער דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּן אָנְטוּן תְּפִילִין אֵיידֶער עֶר גֵייט אִין אַרְבֶּעט. אִיךְ הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעוֵויינְט, וַוייל אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר פְלֶעגְט מִיר שְׁרַייבְּן כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, (עֶר שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדְן טָאג אַפָּאר שׁוּרוֹת רָאשֵׁי פְּרָקִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים), אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם בָּחוּר, עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר הֶערְט אוֹיס זַיינֶע דְרָשׁוֹת, אוּן בִּכְלַל, עֶר זִיצְט נִישְׁט אַיין, עֶר גֵייט אוּן קוּמְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אִיךְ פְלֶעג אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל וַוייטֶער רֶעדְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין הַארְץ, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל, וָואלְט עֶר גֶעזִיצְן נֶעבְּן מִיר וָואלְט אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ צִיפּ וֶוען דֶער בְּרוּדֶער הָאט גֶערֶעדְט, עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען אוֹיף וַוייטֶער אַז קֵיין אֵיין וָוארְט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, עֶס אִיז נָאר אַ קַטְנוּת הַדַּעַת וָואס מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מְחַנְּכִים אוּן מְלַמְּדִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן מִיט יִצְחָק דֶער מְנַהֵל קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי גַבָּאִים זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען קֵיין דִירָה מִיט קֵיין קָאר פַאר

מִיר, אַ שָׁאד דִי גֶעלְט, אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דֶער מַגִיד שִׁיעוּר ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל הָאט מִיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, גֶעמַאכְט הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

מִיטְוָואךְ וַיְחִי אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי דִירָה לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען אִין שׁוּל וָוארְט מִיךְ אָפּ אַרְבֶּעט בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אוּן אִיךְ מוּז אָנְהֵייבְּן מַיין טָאג מִיט לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַז מֶען קֶען נִישְׁט אָן דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל הָאט מִיךְ בַּאגְלֵייט, נָאכְן מִקְוֶה זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל דַאוְוענֶען, ר׳ אַהֲרֹן גָאלְדְשְׁטֵיין אִיז אִין יָאר, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְן עָמוּד שַׁחֲרִית. נָאכְן דַאוְוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם דַף גְמָרָא, נָאכְן שִׁיעוּר אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, קֶענְסְט עֶס הֶערְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן לֵיין.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען קַיין בֵּית פֵיגָא, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוּן עֶרְלִיךְ, דִי מֵיידְלֶעךְ, דִי לֶערֶערִינְס זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידְל אוּן הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת. אַמָאל אִיז דָאס אַ סְתִּירָה, וַוייל ווִי מֶער פְרוּם מֶען אִיז - קֶען עֶס קוּמֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס, דָא אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט גוּטֶע מִידוֹת. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידוֹת וָואס הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט שְׁאֵלוֹת, אֵיין פְרַאגֶע פוּן אַ תַּלְמִידָה הָאט מִיךְ גֶעשְׁטֶערְט, אַ תַּלְמִידָה פְרֶעגְט וָואס זִי זָאל טוּן וֶוען זִי קוּמְט מִיט אַ נַייעֶ קְלֵייד אָדֶער נַייעֶ שִׁיךְ, נַייעֶ צִירוּנְג - אִין סְקוּל, אוּן קֵיינֶער זָאגְט אִיר גָארְנִישְׁט; אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט וָואס זִי זָאל טוּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ פְרַאגֶע צוּ דִי טִיטְשֶׁערְס, ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד קוּמְט מִיט אַ נַייעֶ זַאךְ אָנְגֶעטוּן אוּן דִי טִיטְשֶׁערְס מַאכְן נִישְׁט קֵיין עֵסֶק דֶערְפוּן? מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַטֶענְשָׁאן, דָארְט רוּפְט מֶען דָאס תְּשׂוּמַת לֵב, דָאס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג אוּן אַזוֹי גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער, עֶס בּוֹיט אוֹיף זֵייעֶר זֶעל.

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל מַרְחִיב בַּיי דֶעם פְּרַט וַוייל דוּ בִּיסְט אַ מַגִיד שִׁיעוּר, בִּיסְט גֶעשְׁטֶעלְט צוּ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז גֶעבְּן גֶעפִיל, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער - אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים.

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט דִי בָּחוּרִים קַיין קֶבֶר רָחֵל, דִי בָּחוּרִים הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיפְן וֶועג אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז סַאטְמֶער, וַוייל וִוי זֵיי וֵוייסְן גֵייעֶן נִישְׁט סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים צוּ קֶבֶר רָחֵל אוּן קַיין חֶבְרוֹן צוּ דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה; אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין אַ סַאטְמֶער תַּלְמִיד, אוּן אִיךְ פְּלֶעג גֵיין מִיט מַיין זֵיידֶע קַארלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צוּ קֶבֶר רָחֵל, אַזוֹי אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיין זֵיידֶע קַיין חֶבְרוֹן צוּ דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, מַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען.

דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ פָּרָשַׁת וַיְחִי קוּמֶען אַסַאךְ תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס צוּ קֶבֶר רָחֵל זִינְגֶען דָארְט דִי "וַאֲנִי" וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי מַאמֶע רָחֵל, וִוי זִי וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין פוּן קֶבֶר אוּן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה בַּיי קֶבֶר רָחֵל אוּן גֶעזָאגְט אַ חֵלֶק פוּנֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן גֶעמַאכְט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְיַשֵּׁב זַיין דָארְט וַוייל אַפָּאר מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָארְט גֶעזוּנְגֶען אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעמַאכְט אַ קָאפּ וֵויי.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט דִי בָּחוּרִים צוּם הַר הַזֵּיתִים צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַבִּיסְל מוּסָר אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט לַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ פִירְן בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים מִיט גְרוֹיס יִרְאָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אַז דוּ נֶעמְסְט אַמָאל דִי בָּחוּרִים צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אִין מָאנְסִי צוּם רִיבְנִיצֶער רֶבִּי'ס צִיוּן, אָדֶער קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם סַאטְמֶער רֶבִּי'ס צִיוּן, זָאלְסְטוּ זֵיי אָנְגְרֵייטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט לַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פַּארְק וואוּ מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען שְׁפְּרִינְגְט, מֶען מוּז קוּמֶען מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. אוֹיךְ זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן רַשַׁ"שׁ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזָאגְט דָארְט תְּהִלִּים אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְזוֹימְט דָארְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען קַאלְט אוּן טוּנְקְל אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּ שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה

גֶעהַאט צוּ פָארְן מִיט דִי בָּחוּרִים, זִיצְן מִיט זֵיי אִין אֵיין בָּאס, פוּן אוּנְטְן, אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט זֵיי, הֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁמוּעֶסְן, זֵייעֶרֶע וֶוערְטְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אַלֶע רֶעדְן אֵיידְל, אַלֶע רֶעדְן שֵׁיין.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ דִירָה, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן מַגִיד שִׁיעוּר זָאל קוּמֶען פַּארְטָאגְס מִיךְ נֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֵיין מִיט אִים וְכוּ׳, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט זִיצְן מִיט דִי הַנְהָלַת הַמּוֹסָד ווִי אַזוֹי אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן דִי מוֹסְדוֹת, דִי גֶעלְט זַאכְן, עֶס הָאט זִיךְ פַּארְצוֹיגְן בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט, אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ מִשְׁפָּחָה וָואס דִי פְרוֹי אִיז אַ לֶערֶערִין אִין דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ׳ער סְקוּל, אָפְּשֶׁערְן אַבִּיסְל הָאר, מַאכְן חַאלַאקֶע. דִי מִיטִינְג מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁלֶעפְּט, אָבֶּער אִיךְ קֶען זָאגְן בְּפֶה מָלֵא אַז עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען וֶוערְד צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר פַאר דִי מִיטִינְג, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְז, עֶס זָאל זַיין מְסוּדָר ווִי אַזוֹי דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן.

דָאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיטְן מַגִיד שִׁיעוּר, עֶר הָאט מִיךְ בַּאגְלֵייט אִין מִקְוֶה, שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט אִין אוּנְזֶער שׁוּל, אִיךְ הָאבּ עוֹלֶה גֶעוֶוען, אוּן נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גְמָרָא שִׁיעוּר. ר׳ אַהֲרֹן שְׁלֶעזִינְגֶער הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם דְרִיטְן בַּאנְד "וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים", הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אַ הֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט, צַאמְגֶענוּמֶען עֵצוֹת פַאר חִינוּךְ, דִי סֵפֶר מַאכְט אַ דוּרְכְבְּרוּךְ אִין דִי וֶועלְט.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ אַרוֹיף אִין חֵדֶר צוּ דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה, דֶער מְלַמֵּד אִיז ר׳ יוֹסֵף כַּ״ץ, דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דִי צְוֵויי "וַאֲנִי׳ס", אִין בְּנֵי בְּרַק׳עֶ חֵדֶר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן בֵּיידֶע "וַאֲנִי׳ס", אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזוּנְגֶען אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע "וַאֲנִי" נָאךְ אַ פְּשַׁט, דִי פְּשַׁט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ט, "וַאֲנִי", אוּן אִיךְ יַעֲקֹב, "נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אֶחָד עַל אַחֶיךָ", וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ תְּפִלָּה, צוּ וֶוערְן בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי דְרַיי חֲלָקִים פוּן דִי וֶועלְט, "שְׁ׳פָל כּ׳וֹכָב מַ׳זָל" וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שְׁכֶ״ם", אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז נֶעבֶּעךְ בִּשְׁפַל הַמַּדְרֵגָה, מֶען לִיגְט אִין בְּלָאטֶע, אִין עֲבֵירוֹת, אָבֶּער דוּרְךְ

תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען פוּן שָׁ׳פָל צוּ כּ׳וֹכָב, בִּיז מֶען וֶוערְט גָאר בַּיי דִי מַדְרֵיגָה פוּן אַ מַ׳לְאָךְ, דָאס אִיז "שְׁכֶם", אִיךְ הָאבּ זֵיי דָאס גֶעזוּנְגֶען זֵייעֶר שֵׁיין, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן חֵדֶר בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין ר׳ מֹשֶׁה כַּהֲנָא, עֶר הָאט אַ זוּן אִין יְשִׁיבָה, עֶר דַאוֶונְט בַּיי אוּנְז, זַיין מַאמֶע אִיז אַוֶועק. אִיךְ הָאבּ מְנַחֵם גֶעוֶוען אוֹיךְ זַיין טַאטֶע, דֶער גְרוֹיסֶע תַּלְמִיד חָכָם, הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק כַּהֲנָא שְׁלִיטָ"א, אַ רָב אִין דִי עֵדָה הַחֲרֵדִית, אוּן פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי אַבְרֵכִים, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט גֶעזָאגְט לַאנְג צוּרִיק פַאר ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל וָואס עֶר לֶערְנְט דִי תַּלְמִידִים דִי חֲתַנִים אִין יְשִׁיבָה, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווִיל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי פְּרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט פְּרִיוַואט, זֵיי לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז מַדְרִיךְ גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, אָן קֵיין חוּמְרוֹת אוּן אָן קֵיין פְּרִישׁוּת.

נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן נָאכְמָאל מִיט דִי גַבָּאֵי הַמּוֹסְדוֹת ר׳ אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן מִיט דִי הַנְהָלָה, אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי מוֹסָד; אִיךְ רֶעד נִישְׁט דִי וֶועג פוּן חִינוּךְ, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט ווִי אַזוֹי דִי גֶעלְט, דִי פָאנְדְרֶעיְזִינְג זָאל אַרְבֶּעטְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים אַז דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מוֹסָד אִיז נִישְׁט דִי גֶעלְט, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ מוֹסָד פַארְמַאכְט זִיךְ נִישְׁט אַז עֶס פֶּעלְט גֶעלְט, אַ מוֹסָד פַארְמַאכְט זִיךְ אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ", אוּן אַז מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן מִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין. אַזוֹי ווִי אַ שְׁטוּבּ, טַאטֶע מַאמֶע קֶענֶען לֶעבְּן אוּן עֶרְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אָן גֶעלְט, מֶען בָּארְגְט אוּן מֶען זָארְגְט וְכוּ׳, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער; עֶס אִיז מִיר וֶוערְד גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ גֶעבְּן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת עֶס זָאל זַיין אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט רִיכְטִיג צְווִישְׁן דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה ווִי אַזוֹי אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן פַאר אַ שָׁעָה אוּן אַ הַאלְבּ מִיט אַלֶע לֶערֶערְנְס פוּן אַלֶע בֵּית פֵיגָא׳ס, אִיךְ מִיטְן מְנַהֵל זֶענֶען גֶעזִיצְן אוֹיף אֵיין זַייט, אוּן פוּן דִי

אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען גֶעזִיצְן דִי לֶערֶערִינְס, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן שְׁאֵלוֹת וָואס לֶערֶערִינְס דַארְפְן וִויסְן (אִיךְ הָאף צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן שֵׁיינֶע תְּשׁוּבוֹת אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת).

נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן פַאר אַ שָׁעָה אוּן אַ הַאלְבּ מִיט אַלֶע מְלַמְדִים פוּן אַלֶע חֲדָרִים; יְרוּשָׁלַיִם, טְבֶרְיָה אוּן בְּנֵי בְּרַק. עֶרְשְׁט הָאט מֶען גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה מַעֲרִיב אִין דִי דִירָה, מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אַלֶעס וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַארְן חֶדֶר. אַבְרָהָם רוֹטְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ חַאלַאקֶע, אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אַבִּיסְל הָאר פוּן זַיין זוּן אוּן אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט, אִיךְ הָאבּ הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אִים פַאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט פַאר מִיר אוּן פַאר דִי מוֹסָד.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אִין שׁוּל גֶעבְּן דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל שְׁוֶוער פַארְן עוֹלָם וַוייל עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט, דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפַּאקְט, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן גַאס וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן זֶענֶען גֶעוָוארְן נַאס.

בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע רַשִׁ״י, ״לָמָּה פַּרְשָׁה זוֹ סְתוּמָה״, פַארְוָואס אִיז פַּרְשַׁת וַיְחִי פַארְשְׁטָאפְּט? מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס וָואס מֶען זֶעט בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז ׳פַּרְשַׁת סְתוּמָה׳, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס ׳יַעֲקֹב אָבִינוּ וֶוערְט נִפְטָר׳, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְן צַדִּיק; אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר אַלְס מַגִּיד שִׁיעוּר אַז דָאס זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז מֶען מוּז לֶעבְּן מִיט אַ צַדִּיק, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן, רֶעד צוּ זֵיי שֵׁיין אוּן זִיס, זֵיי זָאלְן וֶועלְן בּוֹחֵר זַיין בְּטוֹב.

אוֹיךְ הָאבּ מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶענוּמֶען יוֹסֵף׳ס קִינְדֶער אוּן זֵיי אַרוּמְגֶענוּמֶען, גֶעקוּשְׁט אוּן גֶעהַאלְדְזְט, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן דִי דוֹרוֹת זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער צִיעֶן, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען אַ מַגִּיד שִׁיעוּר מַצְלִיחַ זַיין, אַז מֶען רֶעדְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, נָאר אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער.

נָאכְן שִׁיעוּר בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ בַּר מִצְוָה פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס בַּיי

זֵיי פְלֶעג אִיךְ אַמָאל אַיינְשְׁטֵיין וֶוען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, גָאר אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, סַיי דֶער טַאטֶע אוּן סַיי דִי מַאמֶע, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת בּוּרְנְשְׁטֵיין. בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ אַלֶעס אָנְגֶעפַאנְגֶען, בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַארְן בָּחוּר אַ מַתָּנָה אַ אִידִישֶׁע אֲשֶׁר בַּנַחַל.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט שִׁמְעוֹן עוֹזֵר צוּם עֶירְפָּארְט, אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פָארְן, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ גָאס רֶעגְן, מֶען הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען וואוּ מֶען פָארְט.

אוֹיפְן וֶועג בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועג, פְרַייטָאג פַארְטָאגְס זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים.

שִׁמְעוֹן פִּישׁ הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט אוּן גֶענוּמֶען אַהֵיים, שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים אִין יְשִׁיבָה.

אוֹיךְ נֶעכְטְן זוּנְטָאג בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין קְווִינְס גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר אַ סְפַרְדִי'שֶׁע קְהִלָּה, זֵיי זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַז זֵיי ווִילְן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת ווִי מֶען גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן אָנְגֶעפִילְט מִיט תְּמִימוּת, הַלְוַאי זָאלְן מִיר הָאבְּן אַזַא תְּמִימוּת אוּן אַזַא אֱמוּנַת חֲכָמִים.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל אַז עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶנְק הָאבְּן מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי שִׁיעוּר, דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִקָּר פוּן דִי יְשִׁיבָה, אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן מְקַבֵּל זַיין דִי פָּאר יָאר וָואס זֵיי זֶענֶען אִין יְשִׁיבָה וָואס מִיר הָאבְּן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פוּן וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ; אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט עֶס צוּרִיק מַאכְן.

אִיךְ ווִיל זָאלְסְט רֶעדְן מִיט ר' מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל, וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין; ווַייל וָואס אִיךְ רֶעד מִיט אִים אִיז נוֹגֵעַ פַאר דִיר אוּן וָואס אִיךְ זָאג דִיר אִיז נוֹגֵעַ פַאר אִים, אִיךְ ווִיל עֶנְק זָאלְן קֶענֶען אַריינְלֵייגְן דָאס מֶערְסְטֶע אִין דִי תַּלְמִידִים.

אִיךְ מוּז אַהֵיים לוֹיפְן, זַיי גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְסְט מֶער נִישְׁט בָּארְגְן קֵיין פְּרוּטָה פוּן אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ נִישְׁט מֶער קֵיין חוֹבוֹת, אוּן דַיינֶע אַלְטֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ בַּאצָאלְן, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן. אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן זָאלְן דִיר הֶעלְפְן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט בָּארְגְן, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט בָּארְגְן קֵיין גֶעלְט, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט מַאכְן חוֹבוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן זַיין אַ בַּעַל חוֹב; וַוייל אַז מֶען הָאט חוֹבוֹת הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין כֵּלִים, מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין מוֹחִין - פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס דִי עֲבֵירָה מַאכְט אָרֶעם אוּן עֶס מַאכְט מֶען זָאל זַיין אַ בַּעַל חוֹב. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרַנַ"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אָרֶעם, וַוייל אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בִּפְרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אָן אָרֶעמַאן; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי עֲבֵירָה;

דָאס וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעקְט אוֹיס דֶעם פְּגַם, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס דוּ קוּמְסְט פַּאר מֶענְטְשְׁן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט מִיט זַיין שׁוּלְדִיג פַּאר אַ צְוֵוייטְן אַ פְּרוּטָה אוּן דַארְפְן חַס וְשָׁלוֹם נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן.

קֶענְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אָבֶּער נִישְׁט לֶעבְּן פוּן צְדָקָה. גֵיי נָאךְ גֶעלְט, צֶעטֵייל דִי גֶעלְט אִין צְוֵויי, הַאלְבּ גֶעבּ פַּאר צְדָקָה (שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער אַז דוּ וֶועסְט עֶס גֶעבְּן פַּארְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, צִי הַדְפָּסָה, צִי פַּאר דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל, מוֹסָד), אוּן הַאלְבּ קֶענְסְטוּ נֶעמֶען פַּאר דִיר פַּארְן זַיין אַ גַבְּאַי צְדָקָה, אוּן מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, אָבֶּער לְמַעַן דַיין טוֹבָה אוּן דַיין עָתִיד זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט בָּארְגְן קֵיין פְּרוּטָה פוּן אַ צְוֵוייטְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סַכָּנָה וִוי חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער שֵׁיינֶער הֶערְלִיכֶער סֵפֶר "קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם סֵפֶר "קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל"; דֶער סֵפֶר אִיז אַ שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע סֵפֶר וָואס וַוייזְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט דִיר חֲנוּכָּה; הַלְוַואי וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט נָאךְ רֶעדְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

...

## זָאגְן תְּהִלִּים און זָאגְן מִשְׁנָיוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? וָואס הֶערְט זִיךְ? אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ.

שְׁרַייבּ מִיר פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי״ם, דַארְפְן מִיר עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים און זָאגְן מִשְׁנָיוֹת; דָאס וֶועט אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

## אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן זַיין בַּיים שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג דָאס וָואס מֶען עֶנְדִיגְט יְשִׁיבָה פְרִיעֶר און מֶען שִׁיקְט אַהֵיים דִי בָּחוּרִים פַאר דִי שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶס אִיז דָאךְ דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע שִׁיעוּר, דָאס וֶועט זֵיי בַּאגְלֵייטְן פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְן, פוּן דִי שִׁיעוּרִים וֶועלְן זֵיי קוֹנֶה זַיין אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם, און אֱמוּנָה, און קְדוּשָׁה, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט צוּרִיק מַאכְן יְשִׁיבָה, און פַארְלַאנְגֶען פוּן יֶעדְן בָּחוּר בְּלִי יוֹצֵא מִן הַכְּלַל, אַלֶע זָאלְן זַיין בַּיים שִׁיעוּר, סַיי דִי בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן אִין חֵדֶר, סַיי דִי בָּחוּרִים וָואס דְרֵייוְון דִי שָׁאטְל און סַיי דִי וָואס קָאכְן; אַלֶע דַארְפְן זַיין בַּיים שִׁיעוּר, רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס פַאר אַ אוֹצְרוֹת זֵיי קֶענֶען קוֹנֶה זַיין בַּיים שִׁיעוּר, און אוֹיךְ דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיךְ יֶעצְט מַתְמִיד אִין לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - זָאלְן זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִין וָואס דוּ בִּיסְט עוֹסֵק שׁוֹין קָרוֹב צוּ צְוָואנְצִיג יָאר, צוּ מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים, זֵיי שְׁטַארְקְן צוּ הֶערְן שִׁיעוּרִים און לֶערְנֶען דִי בְּרִיוְון וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סִיּוּם אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת זְבָחִים, מַאךְ אַ סִיּוּם אִין שְׁטוּבּ, וַוייז פַּאר דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער וָואס אִיז חָשׁוּב; זִיץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, לֵייג אַ שֵׁיינֶע טִישְׁטוּךְ אוּן שֵׁיינֶע כֵּלִים, אוּן זָאג זֵיי מִיט שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶועןְ נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא, אוּן דֶערְצֵייל זֵיי אַז יֶעדֶע מָאל מֶען אִיז מְסַיֵּים אַ מַסֶּכְתָּא בַּאקוּמְט מֶען אִין הִימְל אַ גַאנְצֶע וֶועלְט (הַקְדָּמַת תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דַּף יד:), דֶערְצֵייל זֵיי וָואס עֶס אִיז דָא אִין אַ וֶועלְט, וִויפִיל קַארְס, וִויפִיל עֶרָאפְּלַאנֶען, הֶעלִיקַאפְּטֶערְס, שִׁיפְן אוּן סָאבְּמַארִינֶען, אוּן אוֹיךְ סַייבֶּער טְרָאקְס וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַלֶעס פַאר וֶוער עֶס לֶערְנְט גְּמָרָא; עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ וֶועלְן לֶערְנֶען.

שְׂרֵיי נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן אַז זִי אִיז דִיךְ מְבַזֶּה זָאלְסְטוּ חַס וְחָלִילָה עֶנְטְפֶערְן, אוּן חַס וְחָלִילָה הַאלְטְן אַ רוּגְזָה; מַאךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס תִּיקּוּן שׁוֹבָבִ״ם מִיט שְׁוַוייגְן, מִיט "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶערֶע תִּיקּוּן וִוי פַּאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת; וֶוען מֶען הֶערְט אַ בִּזָּיוֹן אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, מֶען הָאט לִיבּ דִי וַוייבּ אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן דֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו), אַז דֶער עִקָּר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דָאס אִיז בְּעִקָּר אִין שְׁטוּבּ וֶוען מֶען זָאגְט אוּן מֶען הֵייסְט אוּן מֶען פַארְלַאנְגְט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן, נָאר שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶער מֶענְטְשׁ.

לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם, זָאל עֶס זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן דֶער בֶּעסְטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; בִּיסְט גֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ חַזֶרְ׳ן ׳פַארְוָואס אוּן פַארְוֶועם בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען? נִישְׁט צוּ בֶּערְל, נִישְׁט צוּ שְׁמֶערְל, נִישְׁט צוּ חַאצְקֶל אוּן נִישְׁט צוּ גְּרוֹנָם׳; אוּן אַז זַאכְן שְׁטֶערְן דִיר, זַאכְן בַּאדֶערְן דִיר זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מְרֻחָק וֶוערְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיינֶע צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִיז ווִי אַ צְוֵוייטְנְ׳ס אַכְצְן פְּרָקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאג יֶעדְן טָאג צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע וָואס קֶענֶען זָאגְן מֶער אוּן שְׁנֶעלֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): ״אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אֶת לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם״, דֶער עִקָּר זֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי הַארְץ; אֵיינֶער קֶען מֶער, אֵיינֶער קֶען וֵויינִיגֶער, דֶער עִקָּר אִיז דִי הַארְץ, אַז מֶען ווִיל זַיין גוּט אוּן מֶען טוּט דָאס וָואס מֶען קֶען.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט, קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַּאר דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר אַז עֶר זָאל ווִיסְן אַז דָאס אִיז דַיינֶע שִׁיעוּרִים, אוּן וֶוען עֶר פְרֶעגְט אוֹיס אַלֶע בָּחוּרִים וִויפִיל מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט - זָאל עֶר ווִיסְן אַז דַיינֶע צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אַ טָאג אִיז דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב ווִי אַ צְוֵוייטְנְ׳ס אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

זָאג יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיסְנֶעמֶען אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע פְּחָדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט נֶעמֶען דַיין קִינְד צוּ מוּמְחִים אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פְּחָדִים, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין צוּ מוּמְחִים וָואס קֶענֶען הֶעלְפְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פְּחָדִים.

דֶער עִקָּר וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע פְּחָדִים פוּן זִיךְ אָדֶער פוּן קִינְדֶער - אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה אוּן אֱמוּנָה; נָאר דָאס הֵיילְט אוּן נָאר דָאס פַארְטְרַייבְּט דִי אוּמְזִיסְטֶע אוּן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע שְׁרֶעק, דוּרְךְ שִׂמְחָה אוּן דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן גֶעזוּנְט.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען סִפְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, סַיי דִי בִּרְיוּו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן בִּפְרַט דִי שׁוּ"ת בְּרֶסְלֶב, וֶועסְטוּ זֶען אַז רוֹב פוּן דִי שְׁאֵלוֹת עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז דֶער עִקָּר פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אַז מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ וָואלְט דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחְלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים.

דָאס זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן, אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אִים; וַוייל אַז מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן זֵיי נָאר עֶרְגֶער אוּן גְרֶעסֶער, אַז דַיין זוּן הָאט אַ פַּחַד פוּן זַיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן זַייט דִי טְרַאגֶעדְיֶע פוּן מִירוֹן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ וואוּ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ דֶערְשְׁרֶעקְט אִים, אוּן אַז מֶען אִיז גֶעפָארְן אִין אַ נֶעפְל, זַייט דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ שְׁרֶעק פוּן פָארְן - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן, נָאר חַזֵּר אֱמוּנָה אוּן בְּרֶענְג אַרַיין שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶועט דָאס אַוֶועק גֵיין.

נָאכְמָאל, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין זִיךְ מְטַפֵּל זַיין מִיט דֶעם, אִיךְ זָאג נָאר אַז מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת וֶועט מֶען גְרוֹיסֶע נִסִים, אַלֶע פְּחָדִים גֵייעֶן אַוֶועק אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי עֶרְלִיכְקֵייט פוּן דַיין אַרְבֵּייטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אִיךְ קוּק דֶעם אִינְגֶערְמַאן ... וֶועם דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען צוּ דִיר אַרְבֶּעטְן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעלֶער אִינְגֶערְמַאן, אוּן זַייט עֶר אַרְבֶּעט בַּיי דִיר אוּן דוּ הָאסְט אִים גֶעהֵייסְן הָאבְּן וַואטְסְעֶפּ״פ אוּן אִים גֶעזָאגְט צוּ קוֹיפְן אַ טֶעבְלֶעט - אִיז עֶר נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער ... פוּן אַמָאל; עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי כֵּלִים, עֶר זִינְקְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר טוּט וֵויי זַיין נְשָׁמָה אוּן דִי שְׁכִינָה. זַיין וַוייבּ זָאגְט אַז זִי הָאט פַארְלוֹירְן אִיר אַמָאלִיגֶע מַאן, אִיךְ מֵיין אַז דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג אִין דֶעם.

זֶע וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

...

## קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

זֶעט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף דִיךְ מֶער מְחַזֵק זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים, וַוייל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים דַארְפְן אַייזֶערְנֶע סַבְלָנוּת זֵיי צוּ קֶענֶען דוּלְדְן אוּן אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז מֶען זֶעט דִי פֵּירוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּק אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן דִי בָּחוּרִים מִיט סַבְלָנוּת, אוּן אַז זֵיי שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט גִיפְטְן אוּן בֵּייזֶערְן, זָאלְסְט וִויסְן אַז דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, דָאס זֶענֶען בָּחוּרִים, אוּן עֶס אִיז גֶעזוּנְט זֵיי זָאלְן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְן, אוּן אַז זֵיי גֵייעֶן אוּן קוּמֶען בַּיי דִי שִׁיעוּרִים זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי פוּן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן מִיט הַאלְטְן אַ סֵדֶר, אוּן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ זֵיי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן - וֶועלְן זֵיי וֶוערְן עֶרְוַואקְסְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית אוּן זִיצְן אוֹיבְן אִין שְׁטִיבְּל אִין פָּאלִישׁ, אוּן קוּמֶען נִישְׁט צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם מַגִיד שִׁיעוּר, אַז עֶס שְׁטֶערְט מִיר, אוּן נִישְׁט דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין כַּוָונָה וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵיי מְעוֹדֵד גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג בִּימֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם; דָאס קֶענֶען זֵיי טוּן אִין דִי צַייט וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען בַּטְלְ'ט צַייט, אִיךְ ווִיל אַז יֶעדֶער בָּחוּר זָאל זִיצְן בַּיי דִי שִׁיעוּר, סַיי פַארְמִיטָאג אוּן סַיי נָאכְמִיטָאג, בְּלִי יוֹצֵא מִן הַכְּלָל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נָאכְמָאל אוֹיסְטֵיילְן דִי פָּאלְדֶער "אוֹצַר הַמִּכְתָּבִים"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אָשֵׁר בֶּער נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְמָאל בַּאדַאנְקֶען פַארְן מִיר הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ צָאלְן דִי רֶענְט פוּן דִי יְשִׁיבָה, שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס דוּ מִיט שַׁבְּתַי נֵרוֹ יָאִיר הָאבְּן אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דִי עוֹל פוּן צָאלְן רֶענְט פַאר דִי בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה, וָואס הָאט אִין זִיךְ דִי חֵדֶר, סְקוּל, בֵּית הַמֶדְרָשׁ, חֲתוּנָה זַאל וְכוּ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט דַיין שׁוּתָּף שַׁבְּתַי, עֶנְק זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אוּן וַוייטֶער קֶענֶען טוּן פַארְן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז גוּט עֶנְק זָאלְן נָאכְמָאל אוֹיסְטֵיילְן פַאר אַ מַתָּנָה דִי פָּאלְדֶער

"אוֹצַר הַמִּכְתָּבִים", וואו דִי אִינְגֶעלַייט וֶועלְן קֶענֶען אַוֶועקְלֵייגְן אַלֶע בְּרִיוְון וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אַזוֹי אַז עֶס לִיגְט מְסוּדָר, קֶען מֶען דָאס חַזֶר'ן אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין.

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט נֶעכְטְן אַז עֶר נֶעמְט דִי פָּאלְדֶער וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן עֶנְק יָארְן צוּרִיק, עֶר נֶעמְט עֶס אִין בֶּעט, עֶר שְׁלָאפְט אַיין מִיט דִי בְּרִיוְון אוּן עֶס הֶעלְפְט אִים צוּ הָאבְן גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע חֲלוֹמוֹת; (אַוַודַאי, וַוייל אַז מֶען שְׁלָאפְט אַיין מִיטְן טֶעלֶעפָאן, נוּ וָואס קֶען שׁוֹין זַיין? ווִידֶערְאוּם אַז מֶען שְׁלָאפְט אַיין מִיט בְּרִיוְון פוּן אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַוַודַאי קוּמֶען הֵיילִיגֶע חֲלוֹמוֹת).

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מִיט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן מִיט זָאגְן זִיבְּן דַפִּים גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

...

## בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דַארְפְסְט נָאר דַאנְקֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער...**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת דִיךְ צוּגְרוּנְד לֵייגְן, דִי צֶעדְרֵייטֶע אוּן שֶׁעדְלִיכֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דִיר, אַז דוּ בִּיסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוּן פְּלוּצְלוּנְג שְׁפִּירְסְטוּ שׁוֹין וִוי עֶס דְרִיקְט דִיר פוּן אַלֶע זַייטְן; אַוַודַאי דְרִיקְט פוּן אַלֶע זַייטְן, נָאכְן טְרַאכְטְן דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס זֶענֶען אַזוֹי שֶׁעדְלִיךְ הֵייבְּט אָן דְרִיקְן אִין קָאפּ אוּן אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּנֶעם קֶערְפֶּער.

מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער..., בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶס פֶּעלְט דִיר גָארְנִישְׁט, עֶס פֶּעלְט דִיר נָאר אַבִּיסְל "תּוֹדָה וְהוֹדָאָה", אַבִּיסְל מֶער דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פִילֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

מַאךְ זִיךְ אַ לִיסְטֶע, שְׁרַייבּ אַרָאפּ אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי לִיסְטֶע אִין הַאנְט אוּן זָאגְן:

"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" פַאר יֶעדֶע שׁוּרָה וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם צֶעטְל, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט דְרִיקְן, עֶס וֶועט דִיר זַיין זִיס און גֶעשְׁמַאק דָאס לֶעבְּן.

...

## זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן אַן אוּמְבַּאקַאנְטֶע נוּמֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אִיךְ זֶע אַז דוּ לֶעבְּסְט אַן עֶרְלִיכֶע, שֵׁיינֶע און בַּאשֵׁיידֶענֶע לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ נָאר נַחַת פוּן עֶנְק.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג און אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן - נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן קֵיין טֶעלֶעפָאן קָאל אָדֶער טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ פוּן אַ נוּמֶער וָואס דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער זֵיי זֶענֶען, עֶס זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לוֹיפְן נָאךְ אִינְגֶעלַייט, און אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט עֶנְדִיגְן.

(אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אָפְּגֶעמַאכְט נִישְׁט צוּ קוּקְן מֶעסֶעדְזְשֶׁעס פוּן אַ נוּמֶער וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט, און אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מַיין טֶעלֶעפָאן אָנְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס קְלִינְגְט נִישְׁט נָאר דִי נוּמֶערְן וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן).

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֶעגְן אוֹיס פְּרִיוַואטֶע שְׁאֵלוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי זֶענֶען קְרַאנְקֶע מְנֻוָּלִים.

הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און זָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִים"; זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי צְוֵויי לִימוּדִים.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## רֶעדְן הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ, אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז מִיד אוּן הוּנְגֶערִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ וויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ צוּ דַיין וַוייבּ, פַארְגֶעס נִישְׁט וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַלֶע דַיינֶע יָארְן, גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ צוּ דִי וַוייבּ, נָאר אַזוֹי קוּמְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ.

אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד, מֶען אִיז אָפְּגֶעמַאטֶערְט - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ רֶעדְן שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען שֶׁפַע, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען בְּרָכָה.

אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג ווִי אַ הוּנְגֶערִיגֶע בֶּער, אוּן מֶען קוּמְט אַהֵיים צוּ אַ לֵיידִיגֶע הוֹיז אוּן צוּ אַ בַּאבְּלָאזֶענֶע וַוייבּ אוּן אַלֶעס פְּלִיט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ רֶעדְן שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ; נָאר אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

...

## אַנְטְלוֹיף פוּן דְרָאגְס, נֶעם דִי סַם הַחַיִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט הֵייבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת מְנָחוֹת, הֵייבּ דוּ אוֹיךְ אָן, כַאפּ זִיךְ מִיט, זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, שְׁטֵיי נִישְׁט פוּן דֶער זַייט, קוֹיף זִיךְ אַ מַסֶּכֶת מְנָחוֹת, הַיינְט אִיז דָא שֵׁיינֶע גְּמָרוֹת מְנֻקָּד מִיט שֵׁיינֶע אוֹתִיּוֹת, אוּן גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן אֵיידֶער דוּ לֶערְנְסְט דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (יְבָמוֹת קכא.), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַרְפוֹן דֶערְצֵיילְט: ״אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אוֹיף אַ שִׁיף אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי אַ צְוֵוייטֶע

שִׁיף אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן. אוֹיפְן שִׁיף אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי עֲקִיבָא, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם צַדִיק זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט 'וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען וִוי עֶר אִיז דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן!' אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, זָאג מִיר דִי מַעֲשֶׂה, וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט? הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: 'דַף שֶׁל סְפִינָה נִזְדַמֵּן לִי', אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ בְּרֶעט פוּנֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם שִׁיף, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף דִי בְּרֶעט אוּן יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ כְּוַואלְיֶע הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן דֶעם קָאפּ בִּיז דִי וַואל אִיז אַרִיבֶּער, בִּיז אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן"; צַדִיקִים טַייטְשְׁן, דֶער 'דַף שֶׁל סְפִינָה' דָאס אִיז דֶער דַף גְמָרָא וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען אִין דִי שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן וָואס וִוילְן אִים דֶערְטְרֶענְקֶען, דִי נִסְיוֹנוֹת; אַז מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן אִינֶעם דַף שֶׁל סְפִינָה, דֶעם דַף גְמָרָא - קֶען מֶען בֵּייקוּמֶען יֶעדֶע כְּוַואלְיֶע.

אַנְטְלוֹיף פוּן דְרָאגְס, גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיין מְסִיבּוֹת אוּן שִׂמְחוֹת וואוּ מֶען טֵיילְט אוֹיס דְרָאגְס; הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר מִיט מַיין הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, נָאר דָאס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן, חַס וְשָׁלוֹם אֲפִילוּ נָאר טוֹעֵם זַיין, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט נָאר טוֹעֵם זַיין - וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן דַיין לֶעבְּן; אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וִויפִיל מַעֲשִׂיוֹת אִיךְ וֵוייס פוּן טַייעֶרֶע בָּחוּרִים, טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט אוּן אֲפִילוּ וַוייבְּלֶעךְ - וָואס הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דָאס לֶעבְּן אַזוֹי מִיאוּס דוּרְךְ זַיין אַ חָכָם אוּן טְרַאכְטְן 'מִיר וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן אֵיין מָאל טוֹעֵם זַיין דֶעם בִּיטֶערְן סַם'; נֶעם דִי סַם הַחַיִּים, "תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ" (מִשְׁלֵי ד, ב), "עֵץ חַיִּים הִיא" (שָׁם ג, יח), דִי גְמָרָא וֶועט דִיר בַּארוּאִיגְן דַיינֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוֶוען וְכוּ', דִי גְמָרָא וֶועט דִיךְ הֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּקְן פַּאדְקֶעסְטְס אִיז אַ שְׁטִילֶע פַּארְגִיפְטוּנְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט וִויפִיל צַייט דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק צוּ קוּקְן פַּאדְקֶעסְטְ״ס; אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי בַּאזָארְגְט פַאר דִיר, פַאר דַיין נְשָׁמָה, וָואס וֶועט זַיין מִיט דִיר; וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוֹיף דִי טָאלְק-שָׁאוּס אוּן פַּאדְקֶעסְטְס, אִין זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער לִיגְן זֵייעֶר שֶׁעדְלִיכֶע זַאכְן, לֵיצָנוּת אוֹיף צַדִיקִים, לֵיצָנוּת אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט צוּבִּיסְלֶעךְ דִי אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דִי תְּמִימוּת וֶוערְט פַּארְשְׁווּינְדְן, מֶען פַּארְלִירְט דִי זוּיבֶּעֶרֶע רֵיינֶע תְּמִימוּת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז קוּקְן פַּאדְקֶעסְטְס אִיז עֶרְגֶער פוּן קוּקְן נִיאוּף, קוּקְן פַּאדְקֶעסְטְס אִיז אַ שְׁטִילֶע שְׁחִיטָה, אַ שְׁטִילֶע פַּארְגִיפְטוּנְג, מֶען כַאפְּט נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט צוּם מֶענְטְשׁ.

זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט קוּקְן קֵיין שׁוּם פַּאדְקֶעסְט, זָאג מִיר צוּ אַז דוּ בְּלַייבְּסְט רֵיין מִיט דַיין תְּמִימוּת, דוּ בְּלַייבְּסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף דַיין בְּרִיוו.

...

## מִיטְגֵיין אוּן הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז דִי צְוֵויי זַאכְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; גֵיין אִין שׁוּל מִיט תְּמִימוּת דְרַיי מָאל אַ טָאג, דַאוֶוענֶען דְרַיי תְּפִילּוֹת אוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא מִיט הֲלָכָה; הַלְוַואי וֶועסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיט דִי יוֹם תְּהִלִּים, דָאס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דַיין וַוייבּ פְרֶעגְט וְכוּ׳; זָאג אִיר עֶס אִיז גוּט זִי זָאל מִיט גֵיין מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן קַיין פְלַארִידֶע, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַז מֶען הָאט עֶלְטֶערְן וָואס פַארְעֶלְטֶערְן זִיךְ - זֵיי מְשַׁמֵשׁ זַיין.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פְלֶעגְט מַיין מַאמֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט פָארְן מִיט אִיר מַאמֶע קַיין פְלַארִידֶע אִיר בַּאדִינֶען, אִיר מְחַיֵ׳ זַיין.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל כַאפְּן דִי מִצְוָה, אוֹיךְ וֶועט זִי זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן פוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, זִי וֶועט צוּרִיק קוּמֶען מִיט פְרִישֶׁע כֹחוֹת, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹחוֹת.

...

## אַ מוֹהֵל אִיז נִישְׁט קֵיין כִּיבּוּד זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען פַאר אַ מוֹהֵל אַ זֵיידֶע אָדֶער פֶעטֶער וְכוּ׳, אַ מוֹהֵל אִיז נִישְׁט קֵיין כִּיבּוּד זַאךְ, אַ מוֹהֵל קֶען חָרוּב מַאכְן דֶעם קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת מוֹהֵל חֵלֶק א, סִימָן א): "כְּשֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁלֹּא יִהְיֶה מוֹלִיד, חַס וְשָׁלוֹם, הַנִּמּוֹל עַל יָדוֹ", אַ נִישְׁט גוּטֶער מוֹהֵל קֶען מַאכְן אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט קֶענֶען בְּרֶענְגֶען קֵיין קִינְדֶער, "עַל יְדֵי שֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב, עַל יְדֵי זֶה בָּא הַתִּינוֹק, חַס וְשָׁלוֹם, לִידֵי חֳלִי נוֹפֵל", אוֹיךְ קֶען אַ מוֹהֵל מַאכְן אַז דֶער קִינְד זָאל לַיידְן פוּן חוֹלִי נוֹפֵל (סִיזְשֶׁערְס) הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פַאר אַ זֵיידֶע, טַאטֶע, שְׁוֶוער, פֶעטֶער, מְחוּתָּן - קֶען מֶען גֶעבְן מִן הַכִּסֵּא, אֶל הַכִּסֵּא, מֶען קֶען זֵיי גֶעבְן צוּ זָאגְן אַלֶע הָרַחְמָן׳ס פוּן בֶּענְטְשְׁן, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם גֶעבְן מוֹהֲלוֹת פַאר אַ כִּיבּוּד.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד אִין יְשִׁיבָה וָואס זַיין מוֹהֵל אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פוּנֶעם דוֹר, טַאקֶע אַ צַדִיק, אוּן עֶר הָאט אִים קַאלְיֶע

גֶעמַאכְט, דֶער בָּחוּר קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, נָאכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין קִינְד יֶעצְט, אַז דֶער מוֹהֵל הָאט אִים שְׁלֶעכְט גֶעמַאכְט (בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הָאט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אַלֶעס זַיין פֵיין), זָאלְסְטוּ מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה נִישְׁט נֶעמֶען קֵיינֶעם פוּן דִי מִשְׁפָּחָה פַאר אַ מוֹהֵל, גֶעדֶענְק אַז מוֹהֲלוּת אִיז נִישְׁט קֵיין כִּיבּוּד, מוֹהֲלוּת אִיז אַ חָכְמָה.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן אַלֵיינְס וְכוּ', נָאר נֶעמֶען דִי בֶּעסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע מוּמְחֶה.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ וֶוען מַיין זוּן שִׁמְעוֹן אִיז גֶעבּוֹירְן וֶועם אִיךְ זָאל נֶעמֶען פַאר אַ מוֹהֵל, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ דָארְט: "צָרִיךְ לַחֲזֹר אַחַר מוֹהֵל צַדִּיק וִירֵא שָׁמַיִם", מֶען דַארְף זוּכְן אַ מוֹהֵל אַ צַדִּיק אוּן יְרֵא שָׁמַיִם; הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "וִוי מֶער מוּמְחֶה, וִוי מֶער פַּאכְמַאן - דֶער אִיז וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט צוּ נֶעמֶען דֶעם ווִינֶער רָב שְׁלִיטָ"א, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ מֵיין זָאגְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז "זָאגְן תּוֹרָה" אִיז "לֶערְנֶען תּוֹרָה"; זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

אוֹיךְ זָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים, נֶעם מִיט דִיר אַ קְלֵיינֶעם תְּהִלִּים, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאג פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים, אוּן פְלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת וּבַקָּשׁוֹת; אוֹי וִוי זִיס עֶס אִיז דָאס זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן...

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן דָאקְטֶער; שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר דָארְט בַּיים דָאקְטֶער אִין צִימֶער הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים מִיט אַ גוּטֶע זִיסֶע הִתְבּוֹדְדוּת, גֶעשְׁפִּירְט טַעַם גַּן עֵדֶן.

...

## מְלַמְדוּת אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועןבַּיי דִי לְוָיָ׳ פוּן דַיין בַּאבֶּע אוּן דוּ הָאסְט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז דוּ לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי מְלַמְדוּת, הָאסְט גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן וָואס דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז, דִי גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ אִיז אַ חָלוֹם, אַ דִמְיוֹן, מֶען לֶעבְּט אַפָּאר יָאר אוּן מֶען מוּז צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן; נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי מְלַמְדוּת, נִישְׁטָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶערְס פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת - פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס אִיז וֶוערְד, עֶס לוֹינְט.

גֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי הִתְבּוֹדְדוּת, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אַ גוּטֶער חַבֵר, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיטְן יֶעדְן תַּלְמִיד, זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַארְן יֶעדְן תַּלְמִיד; וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין. ...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דַיינֶע אוֹיגְן, עֶס הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְט דִי אוֹיגְן; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין עַיִן הָרָע אוֹיף דִיר, לֵייג נִישְׁט קֵיין בִּילְדֶער פוּן דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְטוּן פַאר אַנְדֶערֶע, אֲפִילוּ פַאר חֲבֵרִים, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן; עֶס קֶען זַיין נָאנְטֶע חֲבֵרִים הָאבְּן קִנְאָה אוּן עֶס שַׁאדְט.

גִיס אוֹיס זַאלְץ אִינְדְרוֹיסְן פוּן דַיין טִיר פוּן דַיין שְׁטוּב, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען עַיִן הָרָע.

אוֹיךְ דַארְף דִיר דָאס זַיין אַ רֶמֶז אַז עֶפֶּעס דַארְף פַארְרַאכְטְן וֶוערְן מִיט דִי אוֹיגְן, אַז דִי אוֹיגְן הָאט דִיר גֶעבְרֶענְט דַארְף דִיר דָאס אוֹיפְוֶועקְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ קוּקְן טָאלְק-שָׁאוֹס, פַּאדְקֶעסְט, בִּפְרַט פוּן פְרוּמֶע אִידְן, וָואס אִיז פוּל מִיט מִינוּת וּכְפִירָה; בְּלֹא יוֹדְעִים קִילְט עֶס אָפּ דִי תְּמִימוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

...

## פַארְוָואס אִיז דָא מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן צַדִיקִים?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

שְׁטַארְק זִיךְ, בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן, בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דוּ הֶערְסְט מַחֲלֹקֶת שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה): "וְתַאֲמִין", זָאלְסְט גְלֵייבְן, "כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים, אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּגָרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", עַיֵּין שָׁם, דָאס וָואס מֶען הֶערְט אַ צַדִיק קְרִיגְט אוֹיף אַ צַדִיק, דִי מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן דִי אֱמֶתְ'עֶ צַדִיקִים, אִיז נָאר וַוייל דִי סִטְרָא אַחֲרָא וִויל דִיךְ פַארְטְרַייבְּן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען מוֹהַרְנַ"ת אִיז גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם רֶבִּי'ן אוּן מוֹהַרְנַ"ת הָאט דָאס אוֹיפְגֶעכַאפְּט אוּן דָאס הָאט אִים פַארְעֶנְטְפֶערְט אַלֶע קַשְׁיוֹת, פַארְוָואס עֶס אִיז דָא מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן צַדִיקִים בַּעֲלֵי רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן הֵיילִיגֶע רַבָּנִים; דֶער רֶבִּי הָאט אִים פַארְעֶנְטְפֶערְט אַז אַזוֹי מוּז זַיין, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין וַוייטֶער אַ בְּחִירָה; אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְזֶער דוֹר, פַאר אוּנְזֶערֶע בִּלְבּוּלִים, אוּנְזֶערֶע קַטְנוּת הַדַעַת, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אַלֶעס אִיז נָאר מִיךְ אַרוֹיסְצוּטְרַאגְן פוּן רֶבִּינְ'ס חֵדֶר, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן.

שְׁטַארְק זִיךְ, בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם רֶבִּי'ן.

...

## עֶי אַיי אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִיץ נִישְׁט דִי נַייעֶ טֶעכְנָאלָאגְיֶע פוּן עֶי אַיי, עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. פְּרֶעג נִישְׁט דַיינֶע שְׁאֵלוֹת פוּן עֶי אַיי, אִיךְ צִיטֶער וָואס וֶועט זַיין דִי עֶנְדֶע, מֶען קֶען אַרָאפְּפַאלְן אִין מִינוּת וּכְפִירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

אֵיינֶער זָאגְט מִיר עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער וָואס זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן זַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, פְּרֶעגְט עֶר עֶי אַיי; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן וִויסְן אַז דָאס אִיז פַאר אַ וֶוערְטְל אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, "כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה, וַעֲצֻמִים כָּל הֲרֻגֶיהָ" (מִשְׁלֵי ז, כו), וַוייל אַסַאךְ זֶענֶען צוּלִיבּ אִיר צֶעשְׁלָאגְן גֶעוָוארְן אוּן אַסַאךְ הָאט זִי גֶע'הַרְגְ'עֶט.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּ הֶערְן צוּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִיר אַלֵיין, מִיט דַיין וַוייבּ, מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; וֶועסְט הָאבְּן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוֹיף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים; דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה, מֶדְרָשׁ, וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ, אוּן דוּ וֶועסְט גֵיין דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין אוּן אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער - וֶועסְטוּ זִיךְ גָאר שֵׁיין אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, נִיץ נִישְׁט דִי שֶׁעדְלִיכֶע עֶפְּפְּ, פְּרֶעג נִישְׁט דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן, "כִּי נֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתֵי זָרָה", וַוייל עֶס זֶעט אוֹיס זִיס דִי וֶוערְטֶער פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, עֶס

צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק, "וְחָלָק מִשֶּׁמֶן חִכָּהּ", עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק וִוי גְלַאטֶע אוֹיל, "וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה", אָבֶּער אִיר סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער (שָׁם ה, ג-ד); אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען קֵיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען קוּקְן אִין דֶעם נַייעֶס, קְלִיפְּס, וְכַדוֹמֶה; הַאלְט דַיין שְׁטוּב רֵיין.

אוֹיךְ אִין אַרְבֶּעט, אִין אָפִיס - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ הָאבְּן אַ פִילְטֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ נִיצְט, רִיר נִישְׁט אָן קֵיין כֵּלִי אָן קֵיין פִילְטֶער, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם, זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ לֶערְנְסְט אוּן דַאוֶונְסְט; וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אַרִיבֶּער דִי מַחֲשָׁבוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט קְלָארֶע רְאָיוֹת וִוי מֶען אִיז זֵיי מְרַחֵק, וִוי מֶען שְׁטוּפְּט זֵיי אַוֶועק וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיט עַקְשָׁנוּת זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַאלְן פוּן דֶעם, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען; אוּן אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען מוּז אַרִיבֶּערְגֵיין דִי סָארְט גֶעפִילְן אוּן הוֹכָחוֹת אַז מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט, אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גְרוֹיסֶע קִרְבַת אֱלֹקִים, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר.

...

## אָנְגְרֵייטְן אוּנְזֶער פְּלַאץ אִין אוּמַאן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין שַׁבָּת מְבָרְכִים שְׁבַט, אוּן לְשִׁיטַת בֵּית שַׁמַּאי אִיז שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ רֹאשׁ הַשָּׁנָה לָאִילָנוֹת, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ שׁוֹין פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וִויל אִיךְ שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן אוּנְזֶער פְּלַאץ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ז, אִיךְ וִויל פַארְדִינְגֶען דִי בֶּעטְן.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דִי יָאר מַמְשִׁיךְ זַיין צַאמְצוּנֶעמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעלְט פַאר דִי וָואס ווִילְן זַיין אִין אוּנְזֶער פְּלַאץ, אָדֶער אוֹיבּ מִיר זָאלְן נֶעמֶען אִינְגֶעלַייט; ... מִיט נָאךְ אֵיינֶעם.

דִי יָאר וִויל אִיךְ גֶעבְּן אַ זְכוּת קְדִימָה פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד; מֶען וֶועט מַאכְן אַ זְמַן, לָאמִיר זָאגְן פוּן חוֹדֶשׁ שְׁבַט בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן הָאבְּן אַ זְכוּת דִי וָואס שִׁיקְן אִין דִי מוֹסְדוֹת, אוּן פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן בִּיז סִיוָן - פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְיָאר.

לָאז מִיר וִויסְן דַיינֶע פְּלֶענֶער.

...

## מַזָּל טוֹב צוּם נַייעֶם אִינְגְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט בִּיז יֶעצְט אַז עֶנְק הָאבְּן גֶעהַאט אַ שִׂמְחָה, עֶס אִיז עֶנְק גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל לְמַזָּל טוֹב; אִיךְ ווִיל עֶנְק ווִינְטְשְׁן מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן מְגַדֵּל זַיין דֶעם קִינְד אוּן אַלֶע קִינְדֶער לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן, מִיט שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

...

## דִי הַשְׁפָּעוֹת אִיז פַארְקְנַאקְט? דוּ בִּיסְט פַארְקְנַאקְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט: "עֶס אִיז פַארְקְנַאקְט, אִיךְ דַארְף עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ עֶפֶענֶען מַיינֶע הַשְׁפָּעוֹת, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה..."

אוֹיבּ אִיךְ מֶעג זָאגְן, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן, נִישְׁט עֶס אִיז פַארְקְנַאקְט נָאר דוּ בִּיסְט פַארְקְנַאקְט; אִיךְ ווִיל דִיךְ פְרֶעגְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נָאר וֶועלְן הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס? אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין מַאכְן טְרִיפְּס, וֶוערְן אַ בַּעַל עֲגָלָה, וֶוערְן אַ קַאר סֶערְווִיס דְרַייוֶוער? אָדֶער גֵיין אִין מַצָּה בֶּעקֶערַיי?

אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק אַנְטוֹישְׁט, נָאכְן גֶעבְּן אַזוֹיפִיל חִיזוּק פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נִישְׁט צוּ לֶעבְּן אִין חֲלוֹמוֹת, דִמְיוֹנוֹת, נִישְׁט צוּ זַיין פַאר׳עַקְשְׁנְ׳ט צוּ זוּכְן צוּ זַיין דֶער עוֹשֶׁר, נָאר נֶעמֶען אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ אַרְבֶּעט; נָאכְאַלְץ דְרֵייעֶן זִיךְ בְּתוֹכֵנוּ בַּטְלָנִים וָואס טוּעֶן גָארְנִישְׁט!

וָואס אִיז פַארְקְנַאקְט? ווִי אִיז פַארְקְנַאקְט? דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז פַארְקְנַאקְט, עֶס פֶעלְט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, עֶס פֶעלְט נָאר הַכְנָעָה, עֶס פֶעלְט דִי זַאךְ פוּן זַיין אֱמֶת׳דִיג צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, זַיי נִישְׁט בֵּייז אַז אִיךְ זָאג דִיר, טוּ וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן הַשִּׁפְחָה וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְבִּיטְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם (אִין זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן וֶועלְן זַיין דֶער עוֹשֶׁר פוּן שְׁטָאט): "אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְנָסָה וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן"; לִיבֶּער בְּרוּדֶער אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, נֶעם אָן דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְנָסָה וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן, דְרֵייוְו אַ קַאר,

אַרְבֶּעט בַּיי דִי מַצּוֹת, אָדֶער רֵיינִיג אַ שׁוּל וְכַדוֹמֶה, וֶועט וֶוערְן אוֹיס פַארְקְנַאקְט.

...

## אִינְטֶערְוְויוּס, פַּאדְקֶעסְט, טָאלְק-שָׁאוּ, און אַזוֹי וַוייטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אוּנְז מְחַזֵק וּמְחַיֶ׳ מִיר זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן און צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קֵיין חָכְמוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עח): ״חָכְמוֹת מַזִּיקִים מְאֹד לְהָאָדָם״ וְכוּ׳, ״לֹכֵד חֲכָמִים בְּעָרְמָם״ (אִיּוֹב ה, יג), מֶען קֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְקְרִיכְן אִין מִינוּת וּכְפִירָה, און דָאס אִיז דִי נִסָּיוֹן וָואס הָאט זִיךְ דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר זֵייעֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט צְוִוישְׁן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן; מֶען הֶערְט און מֶען לֵיינְט און עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, און עֶס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין תְּמִימוּת, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

הַלְוַואי וֶועל אִיךְ קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ קֵיין שׁוּם אִינְטֶערְוְויוּ, פַּאדְקֶעסְט, טָאלְק-שָׁאוּ, און אַזוֹי וַוייטֶער; נִישְׁט לֵיינֶען קֵיין שׁוּם לֵיין מַאטְרִיאַל, סְפֶּעצִיעֶל דִי אִידִישֶׁע וָואס הָאבְּן אַ פָּנִים וִוי פְרוּמֶע, און אַז מֶען ווִיל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן זָאל מֶען זוּכְן גוּטֶע זַאכְן, וִוי שְׁפַּאצִירְן, אָדֶער אֲפִילוּ שְׁפִּילְן גֶעיִמְס, אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן און הֶערְן, וַוייל עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי תְּמִימוּת, דִי זוֹיבֶּערְקֵייט און רֵיינְקֵייט.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶער זַאךְ, אֶפְשָׁר וֶוען מִיר וֶועלְן זִיךְ זֶען פָּנִים בְּפָנִים וֶועל אִיךְ דִיר קֶענֶען זָאגְן מֶער אָפְן.

...

## אַנְטְלוֹיפְט פוּנֶעם מְנֻוָּל, ווי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פַייעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֵויי גֶעוַואלְד, ווי קֶענְט אִיר זַיין אַזוֹי נַארִישׁ צוּ וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אַייעֶר פֶּעטֶער דֶער מְנֻוָּל וָואס לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ, וָואס פְּרוּבִּירְט אַייךְ אָנְצוּכַאפְּן; וָואס אִיז מִיט אַייךְ? וָואס רֶעדְט אִיר בִּכְלַל מִיט אִים? אוֹיף וָואס וַוארְט אִיר? עֶס זָאל זַיין דֶערְנָאךְ? אִיר זֶענְט זֶעכְצְן יָאר, אִיר דַארְפְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה רֵיין אוּן הֵיילִיג; אִיר טָארְט מִיט אִים מֶער נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְלֵיינֶען צְוֵויי מָאל דִי בְּרִיוו, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ; ווי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי נַאאִיוו צוּ זָאגְן אַז עֶס פֶעלְט לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִי טַאטֶע, אוּן דֶער פֶּעטֶער עֶרְפִילְט דִי לִיבְּשַׁאפְט; אַנְטְלוֹיפְט ווי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פֵייעֶר, אוּן אִיר זָאלְט גֵיין צוּ אֵיינֶע פוּן אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס וָואס אִיר שְׁפִּירְט אַז זִי וֶועט אַייךְ מַצִּיל זַיין פוּן אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

...

## זִיךְ אַלֵיינְס מְתַקֵּן זַיין, נִישְׁט יֶענֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין קֵיין מַחֲלֹקֶת, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס פְרוּם אוּן עֶרְלִיךְ; פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן, נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁייכוּת, וַוייל דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת בַּאצָאלְט מֶען זֵייעֶר אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז תִּיקוּן שׁוֹבָבִי״ם, אוּן שְׁטֵיי

אִין דֶער צַייט, הֶער אוֹיס וָואס זֵיי הָאבְּן דִיר צוּ זָאגְן, טֵייל נִישְׁט אֵיין וָואס זֵיי זָאלְן טוּן, זִיץ אוּן הֶער אוֹיס וָואס זֵיי זָאגְן דִיר, אוּן אוֹיבּ אִיז דָא אִין דִי מִשְׁפָּחָה חִילוּקֵי דֵיעוֹת זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ מִישְׁן, נָאר שְׁטֵיי פוּן דֶער זַייט.

אָנָּא אִיךְ בֶּעט דִיר זוּךְ נִישְׁט צוּ מְתַקֵּן זַיין קֵיינֶעם, פַאְרֶערְכְט נִישְׁט דִי וֶועלְט, זוּךְ נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטְס, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זִיךְ אַלֵיינְס מְתַקֵּן זַיין נִישְׁט יֶענֶעם מְתַקֵּן זַיין, אוֹי וְוי בִּיטֶער עֶס אִיז אָן אַ צַדִיק, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט יֶעדֶעמְ׳ס רוּחָנִיּוּת אוֹיסֶער זִיךְ אַלֵיין, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק עֶפְנְט זִיךְ דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען דִי אֵייגֶענֶע שִׁפְלוּת, אוּן מֶען זֶעט דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען טְרֶעפְט בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם, אוּן בַּיי מִיר אַלֵיינְס אִיז דָאךְ אַזוֹי טִינְקְל אוּן שְׁוַוארְץ, אִיךְ דַארְף דָאךְ אַלֵיינְס תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף מַיינֶע מַעֲשִׂים"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, אִיךְ וְויל דוּ זָאלְסְט קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּב, לִיבְּלִיכֶע וֶוערְטֶער**

בְּעֶזְרַת הַ׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע אַז עֶס קוּמְט דִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער דָאס גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זִיךְ צוּבְּרֶענְגֶען אִיר זָאגְן פְּשׁוּטְ׳ע שֵׁיינֶע לִיבְּלִיכֶע וֶוערְטֶער; אִיךְ וְויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט יָא זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ"; דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט קָאמְפְּלִימֶענְטְן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - דַארְף מֶען מֶער גִיסְן גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּנִים, דַף נז), שַׁבָּת דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף שַׁבָּת מַאכְן אַנְדֶערְשׁ ווִי אִינְדֶערְוָואכְן; אוֹיבּ אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאט מֶען נִישְׁט שֵׁיין גֶערֶעדְט - דַארְף מֶען שַׁבָּת רֶעדְן שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ, "וְאִם אִית לוֹן שְׁלָמָא בְּכָל שִׁית יוֹמִין דְּחוֹלָא", אוּן דֶער וָואס לֶעבְּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ, עֶר רֶעדְט אַלֶץ שֵׁיין צוּ אִיר, "יַעַבְדוּן תּוֹסֶפֶת בְּשַׁבַּתָּא בְּפִיּוּסָא דָא לְדָא בִּרְחִימוּ סַגִּי", זָאל עֶר שַׁבָּת רֶעדְן נָאךְ מֶער שֵׁיין, נָאךְ מֶער הַארְצִיג אוּן נָאךְ מֶער וֵוייךְ, וַוייל אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, עַיֵּין שָׁם.

מַאךְ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי סְעוּדוֹת, זָאלְסְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַרַיינְגֵיין אִין אַ כַּעַס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בֶּעט אַסַאךְ אוֹיף דֶעם, אוּן וֶוען דִי טוֹבֶל'סְט זִיךְ הַיינְט עֶרֶב שַׁבָּת אִין מִקְוֶה זָאלְסְטוּ שְׁטִילֶערְהֵייט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, מַאךְ מִיט דַיינֶע לִיפְּן אַ תְּפִלָּה: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ".**

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ וָואס צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף גֵיין הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...